**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נייע עלעקטריציטעט דראטן צו ליפערן ריינע ענערגיע אין קווינס**

***אריינברענגען רעיני-ביז-קאראונע דראטן ערלויבט שמוציגע 'פיקער פלענטס' צו ארויסגענומען ווערן פון סערוויס אין קווינס***

***רעדוצירט שעדליכע גאז עמיסיעס און לופט פארפעסטיגונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די נייע עלעקטריציטעט דראטן פון רעיני ביז קאראָונע פון Con Edison איז אריינגעברענגט געווארן אין באנוץ, און עס וועט שטיצן די אנגייענדע פארלעסליכקייט פון די 'גריד', אריינרעכנענדיג דאס האבן ערלויבט א ברענשטאף-געטריבענע טרייבקראפט פּלענט אין אסטאריע – אין אייגנטום פון NRG Energy – צו פארשלאסן ווערן אום מאי 1. די דראטן וועלכע זענען זעקס מייל אין לענג, פון די 345 kV סאָב-סטאנציע אין רעיני ביז א 138 kV סאָב-סטאנציע אין אסטאריע, קען פירן 300 מעגאַוואַטס — גענוג עלעקטריציטעט פאר 240,000 דורכשניטליכע היימער. די פארשליסונג פון די פּלענט וועט רעדוצירן קארבאן עמיסיעס און אנדערע באגלייטנדע פארפעסטיגנדע כעמיקאלן, און עס וועט ברענגען די סטעיט נאענטער צו ערגרייכן די ציהלן פון דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act, CLCPA).

"אזוי ווי מיר זעצן פאר מיט אונזערע באמיאונגען צו באקעמפן קלימאט טויש, איז דאס מאדערניזירן ניו יארק'ס עלעקטריציטעט דראטן סיסטעם צו קענען ליפערן ריינע ענערגיע אריבער די סטעיט א הויפט פריאריטעט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די קריטישע נייע עלעקטריציטעט דראטן, טוהען מיר באררייכערן און מאדערניזירן ניו יארק סיטי'ס עלעקטריציטעט גריד, און מיר טוהען ערמעגליכן די אנגייענדע אנטוויקלונג פון ריינע ענערגיע."

די 275 מיליאן דאלארדיגע עלעקטריציטעט דראטן זענען איינס פון דריי וואס Con Edison האט אנגעהויבן בויען אין 2021 צו ערמעגליכן צו פארשליסן ברענשטאף-געטריבענע טרייבקראפט פלענט אין די סיטי, אריינרעכענענדיג דעם רעיני ביז קאראָונע פראיעקט, דעם גאָוואַנוס ביז גרינוואוד פראיעקט און דעם גאַטעלס ביז פאקס הילס פראיעקט. די פראיעקטן וועלכע האבן צוזאמען באקומען די נאמען די "פארלעסליכע ריינע סיטי" (Reliable Clean City) פראיעקטן, זענען אויפן וועג צו פארענדיגט ווערן אין 2025, און זיי וועלן צולייגן 900 מעגאַוואַט פון דראטן קאפאציטעט אריבער ניו יארק סיטי.

איינמאל אלע דריי דראטן פראיעקטן וועלן זיין פארענדיגט וועלן די פאלגנדע 'פיקער פּלענטס' (פלענטס וועלכע ווערן גענוצט נאר אין די שעה'ן וואס די עלעקטריציטעט פארלאנג איז די העכסטע) ארויסגענומען ווערן פון באנוץ: די Con Edison 59th Street GT1 (MW17.1) און th Street GT74 יוניטס 1 און 2 (MW37) אין מאנהעטען; Hudson Ave o'Con Edison יוניט 5 (MW16.3) אין וויניגער היל, ברוקלין; די Helix Ravenswood יוניטס 1, 10 און 11 (MW68.6) אין לאנג איילענד סיטי, קווינס; די NRG

Astoria GT'ס (MW528) אין אסטאריע, קווינס (שוין פארמאכט פון מאי 1); און די NRG Arthur Kill GT1 יוניט (MW20) אין סטעטן איילענד.

**קאמיסיע פארזיצער, ראַרי מ. קריסטשיען, האט געזאגט**, "ניו יארק סטעיט געפונט זיך אינמיטן פון א פונדאמענטאלע ענדערונג אין אויפטרייבונג און ליפערונג פון עלעקטריציטעט. אונזער פריאריטעט איז צו פארזיכערן אז ריינע מקורות ווערן ארויפגעברענגט אויפן גריד בשעת פארפעסטיגנדע מקורות ווערן צוביסלעך ארויסגענומען פון סערוויס. זעהענדיג אז דאס איז די פאקט, איז דאס ערוווארטעט אז צוגעקומענע דראטן און ענדערונגען צו די עקזיסטירנדע דראטן אינפראסטרוקטור פון די יוטיליטי פירמעס וועלן אקאמאדירן די ריינערע מקורות פון עלעקטריציטעט בשעת'ן פארזיכערן די פארלעסליכקייט פון סערוויס. די זענען גאר-נויטיגע און פריידיגע ענדערונגען וועלכע וועלן פארבעסערן אלע פון אונזערע לעבנס."

**טשערמאן און CEO פון Con Edison, טים קאולי האט געזאגט**, "די היינטיגע טאג צייכנט אפ א באדייטנדע טריט פאראויס ביים אהערשטעלן די אינפראסטרוקטור צו קענען ליפערן ריינע ענערגיע פארלעסליכערהייט צו אונזערע קליענטן בשעת'ן ערמעגליכן די פארשליסונג פון נישט-ווירקזאמע, ברענשטאף-געטריבענע פיקער פלענטס. אזוי ווי מיר מאכן דאס קלאר אין אונזער [ריינע ענערגיע פארפליכטונג](), זענען מיר שטארקע שטיצער פון ניו יארק'ס קלימאט ציהלן, און מיר זענען פארפליכטעט צו אויפבויען א גריד וואס קען פירן 100 פראצענט פון ריינע ענערגיע ביז 2040. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און פארזיצער קריסטשיען פאר זייער פירערשאפט אויף די קריטישע נושא, און אזוי אויך וויל איך באדאנקען די איבערגעגעבענע פרויען און מענער פון Con Edison פארן פארענדיגן דעם וויכטיגן פראיעקט אויף א צייטליכן פארנעם און זיך האלטנדיג אונטער די בודזשעט."

די פראיעקטן זענען נויטיג צו קענען פארזיכערן אז די גריד איז פארלעסליך אין 2023 און 2025, און צו אדרעסירן א לאך אין צוויי פון Con Edison'ס דראטן געגנטער צוליב דעם וואס עלטערע טרייבקראפט פלענטס – אזעלכע וועלכע פארפעסטיגן די לופט און מאכן נאר עלעקטריציטעט ווען די פארלאנג איז די העכסטע אויף די גריד – גייען ארויס פון סערוויס. אזוי ווי די סטעיט לייגט צו מער און מער אויפטרייבונג איינריכטונג פאר ענערגיע פון ריינע מקורות, וועט מער און מער פון די טרייבקראפט קומען פון ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג 9,000 מעגאַוואַטס פון ווינט ענערגיע וואס ווערט פארלאנגט דורך דעם קלימאט געזעץ ביז 2035. די ארבעט אין קווינס נעמט אויף 275 מיליאן דאלאר פון די 800 מיליאן דאלאר וואס Con Edison אינוועסטירט אין די פראיעקטן.

די פיקער פלענטס ווערן גענוצט נאר צו נאכקומען די העכסטע פארלאנג פאר עלעקטריציטעט דורכאויס די זומער חודשים — די צייט אין יאר וואס האט געוועגטליך שוין סיי ווי די ערגסטע לופט קוואליטעט. אין 2019 האט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation) אנגענומען רעגולאציעס וואס פארלאנגען אז פיקער פלענטס זאלן אויספאלגן רעגולאציעס וואס באגרעניצן די מאסן פון נייטראָודזשען אקסייד (nitrogen oxide, NOx) דורכאויס דעם סעזאן ווען געפערפולע 'אָוזאָן' קען באשאפן ווערן אין די לופט; און אז אויב די פיקער פלענטס קומען נישט נאך די רעגולאציעס וועלן זיי דארפן ארויסגענומען ווערן פון סערוויס פאר דעם גאנצן אָוזאָן סעזאן. די NRG Energy פלענט איז פארשלאסן געווארן אום מאי 1 כדי צו אויספאלגן די אנגענומענע רעגולאציעס.

דאס ארויסנעמען ברענשטאף-געטריבענע פיקער פלענטס אין די דאַונסטעיט ראיאן און אריינברענגען אנדערע ברענשטאף-געטריבענע טרייבקראפט פלענטס אין זייער פלאץ איז א באדייטנדע טריט פאראויס ביים פארווירקליכן ניו יארק'ס ריינע-ענערגיע צוקונפט. די פארשליסונג פון פיקער פלענטס, אין און ארום קאמיוניטיס וועלכע זענען געשטעלט געווארן אלץ פריאריטעט פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט, וועט ברענגען באלדיגע פארבעסערונגען צו די קוואליטעט פון די לופט פון די קאמיוניטיס אין די טעג

וועלכע האבן די ערגסטע לופט קוואליטעט. די פראיעקטן וועלן אויך עפענען נייע וועגן צו קענען ליפערן ריינע ענערגיע וואס ווערט אויפגעטריבן אין אפּסטעיט אדער אריין אינעם ים צו די סטעיט'ס מערסט-באוואוינטע געגנטער וואו די עלעקטריציטעט פארלאנג איז די העכסטע.

**פרעזידענט פון די New York League of Conservation Voters (ניו יארקע ליגע פון אפהיטונג וויילער), דזשולי טייג, האט געזאגט,** "מיר נויטיגן זיך אין ריינע ענערגיע מער פון סיי ווען בעפאר, אזוי ווי ניו יארקער פירן אריבער זייערע געביידעס צו נוצן עלעקטריציטעט און קויפן זיך איין עלעקטראנישע קארן. אין די צייט וואס ניו יארק נעמט אונטער שריט צו אויפטרייבן גענוג ריינע ענערגיע צו קענען צושטעלן פאר די סטעיט, אין איינקלאנג מיט די טערמינען פון דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ, נויטיגט זיך ניו יארק סיטי אין גרעסערע ליפערונג מעגליכקייטן צו קענען ברענגען ריינע ענערגיע פון אינדרויסן פון די סיטי אריין צו אונזערע היימער און ביזנעסער. Con Edison אנערקענט אז קלימאט טויש איז א וויטאגליכע מציאות און אז מיר דארפן אונטערנעמען דראמאטישע שריט צו האלטן אונזער סיטי און פלאנעט זיכער און שטאנדהאפטיג."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די New York City Environmental Justice Alliance (ניו יארק סיטי ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט אליאנס, NYC-EJA), עדי באוטיסטע, האט געזאגט,** "די NYC-EJA איז געווען א שטייפע שתדלן קעגן דאס באנייען די פערמיטס פאר NRG Astoria און פילע אנדערע פיקער פלענטס. מיט מער פון צען ברענשטאף-אויפגעטריבענע טרייבקראפט נאכאלץ פארפעסטיגנדיג זייערע ראיאנען, זענען מיר אפטימיסטיש אז די נייע Con Edison דראטן קענען אראפנידערן די פארלאנג פאר די פּלענטס און די צייט ווי לאנג זיי ווערן גענוצט, און אזוי זיין אן ערשטע טריט אין א נויטיגע און גערעכטע אריבערגאנג פאר קווינס. מיר זענען דאנקבאר פאר די סטעיט פארן זיך קאנצענטרירן אויף דאס פארבעסערן די ליפערונג מעגליכקייטן און פארלעסליכקייט פון ריינע ענערגיע אונז צו העלפן נאכקומען די פאדערונגען פון ניו יארק'ס קלימאט געזעץ."

**פרעזידענט פון די Local 1-2, דזשעימס שיליטאָו, האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו שטיצן מאדערניזירונגען צו די סיסטעם וועלכע וועלן אונז פארזיכערן פארלעסליכע ריינע טרייבקראפט פאר אונזער סיטי, מיט א שטאב פון איבערגעגעבענע פראפעסיאנאלן פון די Local 1-2 יוניאן פון די יוטיליטי פירמע ארבייטער אין אמעריקע. אונזערע מיטגלידער זענען שטאלץ צו נוצן זייערע פעהיגקייטן, טאלאנטן און קענטעניס צו פארזיכערן אז אונזער ראיאן בלייבט זיכער און שטאנדהאפטיג."

**ביזנעס מענעדזשער פון IBEW Local 3, קריסטאפער עריקסאן, האט געזאגט,** "דורות פון ניו יארקער וועלן געניסן פון א ריינערע ענווייראמענט און אנגייענדע פארלעסליכע סערוויס, א דאנק די ארבעט פון Con Edison'ס געוואלדיגע יוניאן ארבעטסקראפט אויף דעם פראיעקט. אונזערע מיטגלידער קוקן ארויס מיט שטאלץ צו די פארענדיגונג פון 'פארלעסליכע ריינע סיטי' פראיעקטן אין ברוקלין און סטעטן איילענד וועלכע וועלן אפצייכענען נאך שריט אין ריכטונג פון א צוקונפט מיט ריינע לופט און גוטע פובליק געזונטהייט, באזונדערס פאר די אין שוואכערע קאמיוניטיס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן